פאַר ג־ט, צווישן די, וואָס ווערן געראַטעוועט,
16 און צווישן די, וואָס ווערן פאַרלוירן; צו די טאָקע
אַ ריח מות צום טויט; און צו די אַ ריח חיים
צום לעבן. און ווער איז ראוי צו דעם דאָזיקן?
17 וואָרום מיר זענען נישט ווי אַ סך אַנדערע, וואָס
מאַכן שאַכער־מאַכער מיט ג־טס וואָרט; נאָר ווי פון
אַ לויטער האַרץ, נאָר ווי פון ג־ט פאַר ג־ט רעדן
מיר אינם משיח׃

## קאַפּיטל דריי

1 צי הייבן מיר שוין ווידער אָן זיך אַליין צו רעקאָ־
מענדירן? אָדער באַנייטיקן מיר זיך, ווי אייניקע
(אַנדערע), אין רעקאָמענדירונגס־בריוו צו אייך,
2 אָדער פון אייך? איר זענט אונזער בריוו, געשריבן
אויף אונזערע הערצער, באַקאַנט און געלייענט
3 פון אַלע מענטשן; ווייל איר האָט זיך אַרויסגעוויזן,
אַז איר זענט משיחס אַ בריוו דורך אונז
באַזאָרגט, נישט מיט טינט, נאָר מיט דעם גייסט
פון דעם לעבעדיקן ג־ט; נישט אויף שטיינערנע
לוחות, נאָר אויף פליישערנע לוחות פון הערצער.
4 און אַזאַ בטחון האָבן מיר דורך דעם משיח צו ג־ט;
5 נישט אַז פון זיך אַליין זענען מיר פעאיק צו דענקען
ווי עפּעס וואָלט געווען פון אונז אַליין; נאָר אונזער
6 באַפעאיקונג איז פון ג־ט, וועלכער האָט אונז אויך
פעאיק געמאַכט (צו זיין) דינער פונם נייעם בונד,
נישט פונם אות, נאָר פונם גייסט; וואָרום דער
בוכשטאַב טייט, דער גייסט אָבער מאַכט לעבעדיק.
7 און אויב די עבודה פון דעם טויט, מיט אותיות
אויסגעקריצט אויף שטיינער, איז געווען מיט
הערלעכקייט, אַזוי, אַז די בני ישראל האָבן נישט
געקענט בליקן אויף משהס פנים צוליב דער הערלעכ־